געמלטן אַליין אָדער אויך פאַר דעם נישט־געמלטן?
וואָרום מיר זאָגן דאָך, אַז אַבֿרהמען איז דער גלויבן
10 פאַררעכנט געוואָרן אַלס גערעכטיקייט. וויאַזוי זשע
איז עס אים פאַררעכנט געוואָרן? זייענדיק געמלט,
אָדער איידער ער האָט זיך מל געווען? ניין, נישט
ווען ער איז שוין געווען געמלט, נאָר ווען ער איז
11 נאָך געווען אַן ערל; און דעם צייכן פון מילה האָט
ער באַקומען ווי אַ חתימה פון דער גערעכטיקייט
פון אמונה, וואָס ער האָט געהאַט איידער נאָך ער
האָט זיך מל געווען; כדי ער זאָל זיין דער פאָטער
פון אַלע נישט־געמלטע מאמינים, אַז עס זאָל אויך
12 זיי פאַררעכנט ווערן צו גערעכטיקייט; און דער
פאָטער פון די געמלטע, צו זיי, וואָס נישט נאָר זענען
זיי געמלט, נאָר גייען אין די פוסטריט פון דער
אמונה, וועלכע אבֿרהם אבֿינו האָט געהאַט נאָך
13 איידער ער האָט זיך מל געווען. וואָרום די הבטחה,
אַז אבֿרהם אָדער זיין זאָמען וועט ירשענען די וועלט,
איז נישט געווען דורך דער תורה, נאָר דורך
14 דער צדקות פון אמונה. וואָרום אויב נאָר די
תורה־לייט זענען יורשים, דאַן האָט די אמונה
15 פאַרלוירן די ווערט און די הבטחה איז בטל; ווייל
די תורה ווירקט צאָרן (שטראָף); און וואו עס
איז נישטאָ קיין תורה, דאָרט איז אויך נישט
16 פאַראַן קיין עבֿירה. צוליב דעם דורך אמונה,
כדי עס זאָל זיין לויט חסד, אַז די הבטחה זאָל
זיין פאַרזיכערט צו דעם גאַנצן זאָמען: נישט
נאָר צו די פון דער תורה אַליין, נאָר אויך צו די
פון דעם גלויבן פון אבֿרהם, וועלכער איז אונזער
17 אַלעמענס פאָטער—ווי עס שטייט געשריבן: איך
האָב דיך באַשטימט פאַר אַ פאָטער פון פיל פעלקער
(בראשית יז, ה׳)—פאַר גאָט, וועמען ער האָט געגלויבט.